Avrom Reyzen, Mayn tsurikker aheym (1899)

6pp

1898-9
pub. 1899

די לידער פון אברהם רייזן
אין 12 טאמען
שולזינגער ברידער ניו יארק 1951

דריטער בוך

# די ליבע היים

---

## מיין צוריקקער אַהיים
(פּאָעמע)

I

INTRO: NEW vs O[LD]
HIS LONG[ING]
HIS ACT[ION]

מגעוואַנדערט און געוואָגלט
ב איך אין דער פרעמד פיל יאָרן,
בערדריסיק און פאַרמיאוסט
ן דאָס לעבן מיר געוואָרן.
די גרויסע שטעט, די גאַסן
ט די ריזיק־הויכע מויערן
בן מיך פון ווייט געשראָקן —
ך מיין היים פלעג איך דאָרט טרויערן,
ך דעם קליינעם, ליבן שטעטל,
ך די געסלעך, — עלענד, אָרעם;
ך די שטיבעלעך די קליינע —
ך די לעבעדיקע קברים...
ך די קברים! דאָך געצויגן
ום בית־עולם, צו דעם אַלטן;
, ווי פיל געשטאַלטן ליבע
ליגן דאָרטן טיף באַהאַלטן.
יף באַהאַלטן, דאָך וועל איך זיי
ין דער ערד צוריק אויסגראָבן,
יט פאַרלוירענע זען זיך ווידער
יפיל נחת וועל איך האָבן!
'האָב די גרויסע וועלט פאַרלאָזן,
ין געפלויגן ווי אַ פויגל,
ו מיין שטעטל, וואו געשטאַנען
יז אַמאָל מיין קינדהייטס וויגל.

what he did

2

כ'האָב דערקענט דיך ליבע שטעטל,
האָסט זיך פיל ניט אומגעביטן!
איך דערקען די געסלעך דיינע
און דעם גרויסן מאַרק אינמיטן,
אַך, ווי טרויעריק ווייזט עס אויס מיר;
אַלע הייזער אַלט געוואָרן,
און די שויבן פון די פענצטער
קוקן פינצטער, פול מיט צאָרן!...

SHADOWS

* * *

EPISODES (1)

חיים לייזערס הויז — וואו איז עס
מיט דעם גאַניק מיט דעם לאַנגן,
וואו עס פלעגט זיך שטענדיק הערן
לוסטיק לאַכן און געזאַנגען?
רייך געווען איז חיים לייזער
און אַ בעל הבית אַן עכטער,
אַ פּרנסה שטובֿ אַ גרויסע
און צוויי שיינע, יונגע טעכטער.
איך געדענק די עלטערע,ביילע,
מיט די שוואַרצע, גרויסע אויגן,
וואָס זיי פלעגן שטענדיק לאַכן
און מיין האַרץ צו זיי געצויגן.
כ'פלעג אָפט קומען אויפן גאַניק
אין די זומער־נעכט צו זיצן
מיט די טעכטער, מיט די שיינע,
און פלעג שפּאַסן, זאָגן וויצן.
זייער לאַכן פלעגט דאַן קלינגען,
ווי געזאַנג פון נאַכטיגאַלן —

Remembers times of prosperity — feast with 2 girls. Now porch is broken

How it used to be

אַך, וואו זענט איר, ליבע טעכטער,
אָח, וואו זענט איר איצט פאַרפאַלן?
שלעכטע צייטן! היים לייזער
איז פאַראָרעמט לאַנג געוואָרן,
נאָך אַמעריקע די טעכטער
זיינען דאַן אַוועקגעפאָרן.
דאָס האָט מיר דערציילט די מוטער
מיט פאַרוויינטע, פייכטע אויגן:
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל
זיינען איבער ים פאַרפלויגן!״
„מיינע לוסטיקע צוויי פייגל!״
האָט זי מיט די הענט פאַרבראָכן —
„זעט, אַ תל פון הויז געוואָרן,
און דער גאָניק איז צעבראָכן״...

3

ניט פאַרגעסן אויך דעם שולהויף,
וואו עס שטייט די תלמוד תורה,
כ׳האָב באַטראַכט זי נאָר פון ווייטן,
ווייל פון נאָענט איז אַ מורא...
כ׳האָב דערקענט די אָרעמע קינדער —
באָרפוס, נאַקעט און דערשלאָגן;
און גערירט פון זייער עלענד
האָט דאָס האַרץ געוואָלט וואָס זאָגן:
אָ, איר תלמוד־תורה קינדער!
כ׳קוק אויף אייך מיט פייכטע אויגן —
ספרים טראָגט איר ניט אין ראַנצעס —
וואָס־זשע גייט איר איינגעבויגן?
וועלכע שווערע משא קרימט אויס
יונגערהייט נאָך אייער רוקן?
איז די תורה אַזוי שווער אייך
אָדער איז דאָס ברויט צו טרוקן?״
נאָר זיי האָבן ניט געענטפערט,
האָבן קענטיק שוואַך פאַרשטאַנען;
און געקוקט דערשטוינט, פאַרוואונדערט:
אַט די ווייכקייט קומט פון וואַנען?...

זיי, די אָרעמע און פּאַריתומ׳ס,
זיינען נאָר געוואוינט צו ווילדע
זידלערייי און קלעפּ און קניפּן,
אָבער ניט צו ווערטער מילדע...

4

כ׳האָב געוואָלט זען דעם בית המדרש,
בין אין אים אַריינגעגאַנגען —
אַך, ווי האַרצלעך און ווי פריינטלעך
האָט מיר יעדער דאָרט עמפאַנגען!
אַ באַקאַנטער, צי אַ פרעמדער
האָט זיין האַנט מיר אויסגעצויגן
און עס האָט „שלום עליכם״
העל געלויכטן אין די אויגן.
כ׳האָב דערקענט די אָרעמע שכנים,
צווישן זיי אויך היים בערן,
מיין אַמאָליקן מלמד —
כ׳האָב דערקענט אים אָן זיין שטערן
מיט די פילע, פילע קנייטשן,
טיפער זיינען זיי געוואָרן...
„וואָס־זשע מאַכט איר ליבער רבי,
ווי האָט איר געלעבט די יאָרן?
און בייטאָג אין שול וואָס טוט איר?
ס׳איז מיר עפּעס ניט געפעלן,
אָדער זענט איר רייך געוואָרן
און האָט אויפגעהערט צו קנעלן?״
ליבער זון! האָט ער געענטפערט —
כ׳בין ניט רייכער, ס׳האָט מיין צעטל
ניט געוואונען, דאָך בין איך שוין
אויס מלמד אין מיין שטעטל.
ליבער זון! אויף אונזערע אידן
קומט אַ צרה נאָך אַ צרה;
מער גישטאָ שוין יענע יאָרן —
ווער עס לערנט לאַנג גמרא...
מ׳לערנט אויס נאָר איצט אַ אינגל
דאַווענען, חומש, וועלכע ברכה;
איידער נאָך ער ווערט בעל־מצוה
גייט ער לערנען אַ מלאכה!״
— וואָס־זשע טוט איר ליבער רבי,

וואו־זשע נעמט איר זיך צום לעבן?
„כ׳האָב פֿאַרקויפֿט, מיין זון, דאָס שטיבל
און מיין טאָכטער אויסגעגעבן.
דו געדענקסט מיין קליינע שטיבל,
מ׳האָט געדאַרפֿט עס איבערבויען,
דאָך איך קען עס ניט פֿאַרגעסן,
ס׳רייסט דאָס האַרץ, מיר, מעגסט מיר
טרויען...
נאָר צוריק די אייגענע מעשה...
שטותים! כ׳האָב געמוזט פֿאַרקויפֿן;
דו געדענקסט דאָך נאָך מיין בתולה...
און די יאָרן, ווי זיי לויפֿן...
לאָזן זיצן איז קיין תכלית,
ז׳איז געווען אַ היבשע בתולה,
נאָר אין אָרעמקייט וואָס העלפֿט עס?
שיין אָן געלט איז ניט קיין פּעולה.
פֿאַר אַ בעל־מלאכה... מילא...
נאָר פֿאַרדעקן מיט אַ שלייער...
— וואָס־זשע טוט איר איצטער רבי?
„כ׳זופּ בייטאָג אַביסל זוהר“.
— גיין, כ׳מיין פֿון וואַנען לעבט איר?...
„פֿרעג, מיין זון, ניט — לאָז צופֿרידן —
מיט דעם בורא׳ס הילף — עס לעבט זיך,
ווי עס לעבן אַלע אידן...“

5

אין בית מדרש אין אַ ווינקל
האָט אַ אינגל זיך פֿאַרקליבן
און מיט גרויס געפֿיל, התמדה
האָט ער עפּעס דאָרט געשריבן.
כ׳האָב באַטראַכט אים — הויט און ביינער
און די בעקלעך איינגעצויגן,
קוים אַ צייכן פֿון אַ פּנים,
נאָר עס פֿינקלען זיינע אויגן.
איך בין צו אים צוגעגאַנגען
און געפֿרעגט: וואָס שרייבסטו ליבער?
ער האָט זיך פֿאַרשעמט, דערשראָקן
און געציטערט, ווי אין פֿיבער...
גאָר נישט — האָט ער קוים געענטפֿערט,
כ׳האָב מיר ליב צו מאָלן תמיד...
כ׳מאָל פֿון גרויסע לייט די בילדער —
אויף מיין אַרבעט איז דער עמוד...
אין דער היים איז ענג און פֿינצטער
און די קליינע קינדער שרייען,
שרייב איך דאָ מיר אין בית מדרש —
כ׳מאָל איצט — „הבל׳ן הרג׳ט קין“...
ס׳האָט געזען אַמאָל דער דאָקטער
מיינע אַרבעט, די פּאַפּירן —
כ׳וואָלט אַ „לייט“ געווען, זאָגט ער
ווען געקענט וואָלט איך שטודירן.
סהאָט מיין טאַטע שטאַרק צעלאַכט זיך
אויף דעם דאָקטערס רייד אין גאַנצען;
מיין זון שיקן אין די קלאַסן, —
אפֿשר זאָל איך גיין איצט טאַנצן...“

6

טרויעריק בין איך פֿון בית מדרש
און באַטריבט אַרויסגעגאַנגען,
אָנגעפֿילט מיט צער פֿון ברידער,
פֿול מיט זייערע פֿאַרלאַנגען...
כ׳האָב געלאָזן גיין זיך ווייטער
גיין און גיין... איך זאָל פֿאַרגעסן
אַלע שווערע, גרויסע פֿראַגן,
וועלכע דריקן מיך און פּרעסן.
גייענדיק פֿאַרטיפֿט אין אומעט,
בין איך צו דעם טייך געקומען
און אַ טיפֿער, אַלטער קומער
האָט מיין וועזן דורכגענומען.
זיי געגריסט מיר, מיין ליב טייכל,
אָ, ווי פֿלעג איך נאָך דיר בענקען!
שמייענדיק ביי גרויסע טייכן
פֿלעג איך דאָרט אויף דיך געדענקען.
רוהיק, שטיל פֿליסט דאָ דיין וואַסער,
ביי דיר רוישן ניט קיין כוואַליעס,
דיינע שיפֿן — שטיקלעך שמאָטעס

שווימען — צייכנס פון דעם דלות.
זומער צייט אין דיינע וואַסער
וואָלט אַ תענוג ווער געפינען,
טריקענסטו דאַן אויס אינגאַנצן,
דיינע וואַסער ווערט אַנטרינען...
ווינטער צייט ווערסטו פאַרפרוירן
און מיט שניי פאַרדעקט, פאַרשאָטן...
דאָך האָב איך דיך ליב, מיין טייכל,
כ'וואָלט פון דיר ניט אָפּגעטראָטן.
אמת, כ'האָב געזען שוין טייכן,
וואו די כוואַליעס שוימען, ברומען,
וואו דאָס וואַסער — שטאַרק און מעכטיק,
דאָך בין איך צו דיר געקומען.
יאָ, צו דיר האָט מיך געצויגן,
דאָרט בין איך געווען אַ פרעמדער, —
— איך געדענק, ווי ביי דיין וואַסער
פלעגט מיין מאַמע וואַשן העמדער...
און דערמאָן איך אין מיין מוטער
ווערן די אויגן פול מיט טרערן...
נעם זיי צו צו דיר, ליב טייכל,
ווערסטו טרוקן קיינמאָל ווערן...

7

קומענדיק אַהיים, צום זיידן,
דאָרט איז מיין קוואַרטיר געווען —
האָט די באָבע מיר אַ גאַנצע
לעקציע אָנגעהויבן לעזן:
„וואו ביזטו דאָס אויסגעוועזן?
און אונדז האָסטו גאָר פאַרגעסן;
האָסט זיך נאָר דערמאָנט צו קומען
ווען פאַרוואָלט האָט דיר זיך עסן...
מילא איך בין דיר עס מוחל —
האָט זי ליבלעך צוגעגעבן —
ביזט אַ יונגערמאַן, עס ווילט זיך
אומשפּאַצירן, ס'ווילט זיך לעבן.
איך בין אויך אַמאָל געוועזן
יונג און ליב געהאַט צו שפּילן;
אָך, וואָס איך פלעג אויסשפּאַצירן
און קיין מידקייט קיינמאָל פילן.
איצטער — אַנדערש! נאָר מחשבות
כ'האָב פאַררעדט זיך און פאַרגעסן,
ביזט אַ הונגעריקער נעביך,
נעם אויף גיך און וואַש זיך עסן".
גוט האָט מיר געשמעקט דער באָבעס
אירע איינפאַכיקע שפּייזן:
שמאַלץ מיט רעטעך, אין דער פרעמד דאָך
האָב איך ניט געקענט ס'דערווייזן.
לאַכט איך, ברידער, פון דעם מאכל,
וואָס איר ווילט דאָס זאָגט און רעדט איך,
איך בין דאָך ביי מיינס, עס שמעקט מיר
אונדזער מאכל — שמאַלץ מיט רעטעך...
און אויף פלייש — האָט מיר די באָבע
ווייך געזאָגט — ניט האָב פאַראיבל —
ווערסט אין שטאָט אַ לויט ניט קריגן,
זאָלסט באַצאָלן כאָטש אַ רובל.
די קצבים ווייִנען קלאָגן,
ווילן מאַכן אַן אסיפה:
צען שטיק צוגעגרייט אויף שבת
און דער רב געמאַכט האָט טריפה...
די קצבים — גראָבע יונגען,
פרעג, וואָס קענען זיי פאַרהיטן?
זאָל מען דען דעם שולחן־ערוך
מער ניט לערנען, גאָט זאָל היטן!...

8

שבת פרי בין איך געגאַנגען
אין בית מדרש מיטן זיידן,
אין דעם זעלביקן בית מדרש,
וואו איך האָב אַמאָל אין פריידן
אין מיין קינדהייט נאָך געדאַוונט
מיטן טאַטן פון איין סידור...
און דערמאָן איך יענע צייטן
הויבט דאָס האַרץ אָן פרייען ווידער...
און עס הייבט אַן שטאַרק צו קלאַפּן
און צו ווייִנען און צו בעטן...
און איך פיל מיך, ווי מלאכים

וואָלטן מיך מיט פליגלען גלעטן...
אין דעם זעלביקן בית מדרש —
אָן, דערקען איך זי, די בימה,
וואו דער חזן זינגט, צוגיסט זיך
איף זיין טרויעריק־זיסער שטימע.
אָך, ווי רירענד זינגט דער חזן!
כ׳העלפט אים אונטער נאָר איין בחור —
וואָס־זשע וויינט ער? אויף דעם אפשר
וואָס עס קלעקט אים ניט דער „וואָכער״...
און וואָס רייסן זיך די טענער
מיט אַזאַ געבעט און ברומען?
אפשר, וואָס די שכירות זיינע
איז פון גבאי שווער באַקומען?
און וואָס שפּרייט ער זיינע הענט אויס
און ער בעט זיך ביי דעם עולם?
אפשר וויינט ער וואָס זיין האָפנונג
איז בלויז אלול דער בית עולם?...
נאָר געענדיקט האָט דער חזן,
אויסגעזונגען — זיך אַ חיות,
אָנגעהויבן האָט דער גבאי —
צו פאַרקויפן די עליות
די אַמאָל... ניט אומגעביטן
האָט מען נאָך דעם וועט דעם ווילדן!
און ס׳פאַרקויפט זיך משה׳ס תורה
אויפן רובל, אויפן גילדן.
שלישי איז נאָך אַלץ אַ יקרות
און דער מקח ברענט פלאַם־פייער...
און רביעי און המישי
איז נאָך עד היום ניט טייער...
יאָ צו ששי גאָך עד היום
האָט ר׳ בער אַ גרויסע תאוה;
אַט־אָ שמייגט ער אויפן בימה
און ער בלאָזט פון זיך מיט גאוה!
און ער גייט אַראָפּ פון בימה,
גלעטנדיק זיין גביריש בייכל,
ווי געזאָגט וואָלט ער: רבותי,
ששי איז אַ גרויסער מאכל!
עפּעס פיל איך מיך נאָך ששי —
בין אַ בעל הבית אַ יוסטער,
בין ר׳ בער... איר קענט ר׳ בערן!
ניט קיין שניידער, ניט קיין שוסטער...
און די שניידער און די שוסטער
קוקן אויף ר׳ בער פאַרדריסלעך,
אָך, ווי וואָלטן זיי, די אָרעמע,
טועם־זיין אויך ווען צו ביסלעך
פון דער תורה׳ס שענסטן חלק,
און ניט מאַגערס גאר דאָס לעבן,
אַ בכבודיק עליה
דאָס אויך קיינמאָל זיי ניט געבן...

9

זונטיק פרי בין איך געגאַנגען
אויפן מאַרק היך־הער און ווידער,
צו באַקוקן און באַטראַכטן
פון וואָס לעבן מיינע ברידער.
אָ, דעם גרויסן מארק מיט בלאָטע
האָט מען אונדז צוועקגעגעבן:
נעמט מען צו דעם מאַרק מיט בלאָטע,
נעמט מען צו אויך אונדזער לעבן...
צווישן פילע נייע קרעמער
האָב איך קוים דערקענט נאָר איינע, —
זאָל דאָס ווייבל זיין דען רחל,
זאָל עס רחל זיין די שיינע?
רחל, רחל — בנאמנות!
איך דערקען זי נאָך פון ווייטן —
כאָטש זי האָט זיך אומגעביטן,
גאָר ניט די פון יענע צייטן,
ווען כ׳בין אינדערהיים געוועזן
און געקענט זי נאָך אַלס פריילין...
איך געדענק נאָך אירע אויגן
מיט די בליקן, ווי די פיילן.
רחל רחל, ליבע רחל!
בין איך צו איר צוגעלאָפן —
ביזט אַ קרעמערין געוואָרן?
זאָג, ווי האָט זיך עס געטראָפן?!
אָ, דערצייל מיר, ליבע רחל,

וואָס האָט דיך געבראַכט צו דאַנען?
ביזט געווען אַ שטאָלצע פריילייך
און פלעגסט לעזן אָפּט ראָמאַנען.
און דיין פרייע ברוסט — פול לעבן,
פלעגט זיך, לעזנדיק, אויפהייבן,
און מיט דיינע שוואַרצע אויגן
פלעגסטו קוקן ווייט, פול גלויבן.
איך געדענק דאָך דיינע טרוימען,
פלעגסט זיי עפּטער מיר פאַרטרויען,
און אַ וועלט פול גליק און ליבע
פלעגסטו דאַמאָלס זיך אויסבויען.
און די וועגן צו דיין צוקונפט
האָסטו אויסגעשפּרייט מיט בלומען!
וואו־זשע זיינען דיינע גליקן,
ווי ביזטו דערצו געקומען?
אין אַ קרעמל — ענג און פינצטער —
זיצטו איצט פאַרדעקט מיט טרויער,
און די שיינע אויגן דיינע
קוקן אויס אַ קונד, אַ פּויער...
און די זיסע שטימע דיינע,
וועלכע פלעגט ראָמאַנסן זינגען,
ווערט איצט הייזעריק און טרוקן
מיט דעם קונה זיך צו דינגען...
טרויעריק האָט זי מיר געענטפערט:
„מאַלע וואָס עס איז געוועזן —
בין אַמאָל געווען פאַרנאַרישט,
און געהאָפט, געגלויבט, געלעזן,
און מיין יונגע בלוט פלעגט קאָכן
פלעגט זיך אָנצינדן און זידן
און פלעג גלויבן דאַן און האָפן
אויף אַזוינס, וואָס ניט פאַר אידן...
און די יאָרן פליען, פליען,
און איך ווער אַלץ עלטער, עלטער...
די חלומות שווינדן, שווינדן
און דאָס בלוט ווערט קעלטער, קעלטער...
די געביידן אַלע מיינע,
פיל איך, הויבן אָן צו פּלאַצן
און איך הער אין גאַס די ווייבער
מיינע יאָרן, ווי זיי שאַצן...
כ'האָב געהערט עס, און מיין יוגנט
האָב איך שטיל באַוויינט מיט טרערן,
און געמוזט האָב איך אַ כלה
פאַר דעם ערשטן חתן ווערן...
יאָ געמוזט: מיין גוטע מוטער
האָט געוואָלט פון מיר זען נחת:
„ווער, מיין ליב קינד, ווער אַ כלה,
אונדזערע שונאים צו־להכעיס".
און זי האָט דערלעבט דעם נחת,
וואָס זי האָט געוואַרט פיל יאָרן:
ער — אין שטעטל גיט אָפּ „שטונדן"
איך — אַ קרעמערין געוואָרן!...

***

ווייניק נחת, ליבעס שטעטל,
האָב איך איצט אין דיר געפונען,
פון אַמאָל דיין חן, דיין ביסל
איז שוין אויך פון לאַנג צערונען.
כ'האָב געבענקט נאָך דיר פון ווייטן,
כ'פלעג אויף דיר דאָרט שטענדיק האָפן —
אָרימער נאָך ווי געלאָזן,
האָב איך איצטער דיך געטראָפן!

(קוידאַנאָוו—קאָוונאָ, 1898—99)